ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## כ״ד טבת

(חלק כו)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת וארא, כב־כח טבת, ה׳תשפ״ו (א)

**LIKKUTEI SICHOT**

Copyright © 2026
by
KEHOT PUBLICATION SOCIETY®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# כ״ד טבת*

א. עס איז ידוע וואָס דער של״ה[1] שרייבט, אַז אַלע מועדי השנה – אַלע באַשטימטע (אויסגעטיילטע) טעג פון יאָר (וי״ל – כולל די ימי הולדת און ימי ההילולא פון צדיקים שדומים לבוראם[2] וכיו״ב) – זיינען מרומז אין די פרשיות התורה וואָס ווערן געלייענט (און גע־לערנט) אין די זמנים ווען אָט די מועדים זיינען חל.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע כ״ד טבת, דער יום ההילולא פון אַלטן רבי׳ן, וואָס איז חל (ברוב השנים – כבשנה זו) אין דער וואָך פון פ׳ וארא, אַז עס איז דאָ אַ רמז אין פ׳ וארא[3] אויף „מעשיו ותורתו ועבודתו״[4] פונעם אַלטן רבי׳ן (וועלכע קומען לידי שלימותם ביום ההסתלקות[5]).

– איינע אַ געמיינזאַמע נקודה וועלכע בינדט צוזאַמען דעם נאָמען פון סדרה – „וארא״ – וואָס דער שם הסדרה ברענגט אַרויס דעם תוכן פון דער גאַנצער סדרה (כמדובר כמה פעמים[6]) – מיט דעם נאָמען פון אַלטן רבי׳ן:

דער ערשטער נאָמען פון אַלטן רבי׳ן (זיין עיקר נאָמען – השם בלשון הקודש[7]) איז „שניאור״, וואָס דער טייטש פון „שניאור״ איז: שני אור (צוויי אורות)[8]. ד.ה. דער ענין פון ליכטיקייט.

אויך „וארא״, וואָס מיינט איך האָב זיך באַוויזן – האָט דעם זעלבן תוכן ווי (פעולת ה)אור: דער אויפטו פון אור איז[9] ניט צו מוסיף זיין נייע זאַכן, נאָר צו מאַכן ליכטיק, און דערמיט צו דערמעג־לעכן אַז די זאַכן וואָס זיינען דאָ (פון פריער) זאָלן געזען ווערן; דער תוכן פון „וארא״.

ויש לומר אַז אין וואָרט „וארא״ איז אויך מרומז דער ענין פון „שני אור״ – צוויי אורות, וואָס די צוויי אורות פון אַלטן רבי׳ן זיינען דאָך (ווי דער בעש״ט האָט געזאָגט[10]) דער אור פון נגלה דתורה און דער אור פון נסתר דתורה:

דער וואָרט „וארא״ אַנטהאַלט די אותיות „אור א״, וועלכע זיינען מרמז אויף צוויי אורות: התחלתו די אותיות „ואר״, וועלכע שטעלן צונויף דעם וואָרט „אור״ במפורש – כנגד דער אור פון נגלה[11]; און דער אות א׳, וואָס איז ר״ת אור (דער „אור״ שטייט בהעלם, אין

*) עיין בענינו – לקוטי לוי״צ – אגרות ע׳ רמט ואילך.

1) ר״פ וישב.

2) ב״ר פס״ז, ח. במדב״ר פ״י, ה. וש״נ.

3) ראה גם ובארוכה לקו״ש ח״ו ע׳ 35 ואילך. חט״ז ע׳ 56 ואילך. חכ״א ע׳ 52 ואילך.

4) ל׳ אדה״ז – אגה״ק בביאור לסי׳ זך (קמז, סע״א ואילך).

5) ראה אגה״ק שם וביאורו. שם סי׳ כח. סדור שער ל״ג בעומר (דש, ב־ג).

6) ראה בארוכה לקו״ש ח״ה ע׳ 57 ואילך. וש״נ.

7) ראה גם לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ ריח.

8) ראה יש״ש גיטין פ״ד סכ״ו – הובא בשם הגדולים להחיד״א מע׳ גדולים סוף אות ש׳ (הועתק בלקו״ש ח״ו שם הערה 17).

9) ראה ס׳ הערכים־חב״ד ערך אור־בהירות ע׳ תצז־ח ובהנסמן שם.

10) לקוטי דבורים ח״א פג, א. ועוד.

11) ולהעיר גם מתוכן הפסוק: וארא . . בא־ל שד־י (נגלה) ושמי ה׳ לא נודעתי להם (נסתר).

אַ ר"ת), איז מרמז אויף דעם אור פון נסתר[11] דתורה.

ב. ווייבאַלד אַז דער נאָמען פון אַלטן רבי'ן האָט דעם באַדייט פון ליכטיקייט, איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז אויך געווען פון די עילוים פון „מעשיו ותורתו ועבודתו" פון אַלטן רבי'ן.

איז דער ביאור בזה: אויפטו עקרי פון אַלטן רבי'ן איז געווען — דער גילוי פון תורת חסידות חב"ד. ובלשון נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר[12]: דער גרינדער פון חסידות חב"ד — חכמה בינה ודעת — און דער ערשטער נשיא פון חסידי חב"ד, ער האָט אַראָפּגעטראָגן די ענינים פון תורת החסידות הכללית (וואָס איז נתגלה געוואָרן דורכן בעש"ט און דעם מגיד) אין חכמה בינה דעת, אין אַן אופן אַז יעדערער זאָל דאָס קענען פאַרשטיין בשכלו.

און אַזוי אויך בנוגע דעם „אור" פון נגלה דתורה — חיבור השולחן ערוך שלו — אַז פון די עיקרי החידוש בזה איז געווען אין דעם וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן „הלכות בטעמיהן . . מילתא בטעמא"[13] דוקא, כדי אַז דער וואָס לערנט זיי זאָל ניט נאָר וויסן דעם דין ווי צו פירן זיך בפועל, נאָר ער זאָל אויך פאַרשטיין די הלכה על בורי'.

און דאָס איז דער ענין פון „אור" — וואָס חכמה ושכל ווערן אָנגערופן „אור"[14]: דורך באַנעמען אַן ענין מיט שכל, מיט פאַרשטאַנד, ווערט די זאַך „ליכטיק", אָפן פאַרן מענטשן; ווען מען פאַרשטייט אַ זאַך זעט מען די זאַך לאמיתתה, מען זעט וואָס די זאַך איז באמת.

בשעת מען גלויבט אין אַ זאַך, אפילו ווען דאָס איז באמונה אמיתית אין וועלכער ס'איז ניט שייך קיין ספיקות, ווייבאַלד אָבער אַז מ'האָט אין דעם ניט קיין פאַרשטאַנד — איז די זאַך ניט „אָפן" פאַר אים; מען ווייס בוודאות אַז די זאַך איז אַזוי, אָבער די „ליכטיקייט" פון שכל טוט אויף אַז מען זעט די זאַך בכל פרטי', ביז אַז עס קען קומען און עס קומט בפועל צו אַ „יחוד נפלא", אַז המשכיל והשכל והמושכל ווערן איין זאַך[15].

ג. און דאָס איז דער אויפטו פון דעם אַלטן רבי'ן אין גילוי תורת חסידות חב"ד (דעם „אור" פון נסתר דתורה):

ביז דעם זמן פון דעם אַלטן רבי'ן זיינען די ענינים פון תורת החסידות געלערנט געוואָרן ע"י רובם (ככולם) אין אַן אופן פון (נעמען — עכ"פ פרטי הענינים מיט) אמונה — „וצדיק באמונתו יחי'"[16], דורך אמונתו (התקשרותו) מיט'ן צדיק ווערט ער, האָט ער דער צדיק מחי' געווען (ווילע באַ דעם ווען מ'האָט מחי' געווען האָט געפעלט חיות, „אור");

דער אַלטער רבי, דורך גילוי חסידות חב"ד, איז „התחיל להאיר"[17] — די ענינים

12) סה"ש תש"א ס"ע 158 ואילך. ועד"ז בכ"מ.

13) לשון „בני הגאון המחבר ז"ל" בהקדמתם לשו"ע אדה"ז.

14) ראה בפרטיות בזה — ס' הערכים־חב"ד שם ע' תקכז ואילך. וש"נ.

15) תניא פ"ה.

16) חבקוק ב, ד. וראה לקו"ד ח"א קלא, א. קמא, ב. ועוד.

17) ראה תורת שלום ע' 171: דער רבי . . ע"ד אברהם התחיל להאיר (ל' המדרש — שמו"ר פט"ו, כו. וראה ב"ר פ"ב, ג: עד מתי יהא העולם מתנהג באפילה תבא האורה . . זה אברהם) . . רבינו התחיל להאיר.

פון תורת החסידות זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן צו יעדן איינעם.

און דאָס זעלבע איז אויך בנוגע דעם „אור" פון נגלה דתורה — חיבור השולחן ערוך:

דער ענין פון אַ שולחן ערוך איז — צו וויסן הלכה למעשה. דערפאַר זיינען אין דעם לכאורה[18] ניט נוגע די טעמים, די שקו"ט כו' אַרום דער הלכה, נאָר בלויז די מסקנא פון דער הלכה למעשה, ווי דער מענטש דאַרף טאָן בפועל[19].

אָבער ווִיסנדיק בלויז די הלכות פסוקות, אָן זייערע טעמים, איז זייער אופן הקיום (בעיקר) נאָר מיט קבלת עול; ער פאָלגט דעם שו"ע און איז מקיים די מצוה ובשלימותה (ובמילא האָט ער וואָס אַ מצוה טוט אויף — צוותא[20] וחיבור כו') — אָבער דאָס לייכט ניט ביי אים. ביז אַז דער ב"י זאָגט[21] (און באַוואָרנט עי"ז את הנ"ל) בנוגע זיין שו"ע, אַז עס קומט בהמשך און איז מיוסד אויף ספרו הבית יוסף.

דער אַלטער רבי, דורך חיבור השו"ע אין אַן אופן פון „הלכות בטעמיהן" דוקא, האָט באַלויכטן אויך דעם ענין פון קבלת עול[22] השולחן ערוך; אויך „שולחן ערוך" — הלכה למעשה — דאַרף האָבן אין זיך טעמי ההלכות, כדי אַז דער קיום המצוה זאָל זיין אויך אין אַ ליכטיקן אופן, מיט הבנה והשגה.

(משיחות ש"פ וארא תשמ"א,

ש"פ תבא (ח"י אלול) תשמ"מ)

18) ראה שד"ח (כרך ט' כללי הפוסקים סט"ז, אות ח) דשייך לשון זה גם כשהמסקנא כן הוא.

19) ראה בארוכה הקדמת „בני הגאון המחבר ז"ל" לשו"ע אדה"ז.

20) לקו"ת בחוקותי מה, ג. ובכ"מ.

21) הקדמת הב"י לשו"ע שלו (נדפסה בריש חלק חו"מ).

בנוגע השיטות המותר לפס"ד מספרי פס"ד מבלי ידיעת הטעמים — ראה הל' ת"ת לאדה"ז רפ"ב בקו"א. יד מלאכי כללי השו"ע (אות א'), שד"ח כללי הפוסקים (סי"ג אות א־ב). וש"נ.

22) ע"פ המבואר בפנים תומתק האריכות בהמשך תרס"ו (ע' שכה־ו. ועד"ז בתו"ח ויקהל תרטז, ב) ע"ד „עבד פשוט" אשר „יש לו תענוג בעבודתו" אלא שהנח"ר שלו היא הנח"ר של אדונו ולא של עצמו כלל. דלכאורה: מעלתו של עבד פשוט היא בהביטול שלו מכל וכל עד ש„כאילו אינו במציאות בעולם לעצמו כלל" (תרס"ו שם ע' שי. ועד"ז בתו"ח שם תקפט, רע"א), וא"כ מהי ההוספה (כאשר מדגישים מעלת עבד פשוט) שיש לו תענוג בעבודתו? לכאורה, מצד ענין הביטול מעלתו גדולה יותר ש„אין לו שמחה ונח"ר לעצמו כלל בעבודתו" מפני ש„אין לו מקום ומציאות ומהות בפ"ע כלל" (תרס"ו שם. וראה גם שם ס"ע שיב ואילך. תו"ח שם (א־ב)).

— אלא שבביטול לחוד עדיין חסר בעבודתו ענין האור, ובכל עבודה נוגע ענין האור. ולכן גם בעבד פשוט מעלה וצ"ל המעלה שיש תענוג בעבודתו; אלא דמכיון שהוא עבד פשוט לכן התענוג בעבודתו אינו „שלו" כ"א הנח"ר דאדונו.